בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' אמור | בדר"ח אייר | תשע"א | פסחים: כ"א.

## באריכט:

נעכטן - מיטוואך אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר חיים יוסף איצקאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

### בקודש פנימה

נעכטן נאכט זענען די הנהלת הישיבה גדולה – שיעור ד' אריין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א ווי די חברי הנהלת האבן איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן שליט"א א פינקטליכער באריכט איבער די סיום הזמן החורף העעל"ט און איבער די פלענער פון די התחלת הזמן הקיץ הבעל"ט.

דער רבי שליט"א איז שטארק באגייסטערט געווארן פון די פאזיטיווע באריכטן און פון די איבערגעגעבענע ארבעט פון די געטרייע חברי ההנהלה, און דאן האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו פאר די חשוב'ע חברי ההנהלה אז זיי זאלן קענען ממשיך זיין מיט זייער עבודת הקודש ביתר שאת.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר מנשה פעלדמאן הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יודא אשר ראטה הי"ו פון קרית יואל, און נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שמואל הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

### ברוך דיין האמת

היינט אינדערפרי איז געקומען די נישט-גוטע בשורה איבער די פטירה פון הרב החסיד הישיש ר' יקותיאל צבי ב"ר יוסף ארי' הלוי ווערצבערגער ז"ל, מזקני חסידי ותלמידי רבותיה"ק זי"ע ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א, וועלכער איז היינט אוועק אינעם עלטער פון 93 יאהר.

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

## יארצייט פון מרן רביה"ק זי"ע אפגעהאלטן אין טראנטא, קאנאדע

פארגאנגענעם שב"ק האבן זיך אַ שיינער ציבור פון ידידים וחסידים צונויפגעקומען אין די ביהמ"ד קהל יראים צום גרויסארטיגן שלש-סעודות לרגל די גרויסע יארצייט פון מרן רבינו הק' זי"ע.

דיברייטע סעודה איז צוגעשטעלט געווארן דורך הרבני הנגיד ר' יוסף זאב וואלדמאן הי"ו זוהן פון הרבני הנגיד הנכבד ר' זלמן לייב וואלדמאן הי"ו וועלכער איז געווען פון די געטרייע און נאנטע ביים בעל ההילולא זי"ע.

מיט דברי תורה און הערכה האט אויפגעטרויטן דער רב פונעם ביהמ"ד פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי שלמה יצחק ביקסנשפאנער שליט"א, וועלכער האט ברייט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פונעם רבי'ן זי"ע דערמאנענדיג די וואכעדיגע מדרש קדושים תהיו יכול כמוני ת"ל קדושתי למעלה מקדושתכם, אז אַ מענטש זאל זיך נישט גרויס האלטן מיט זיין קדושה אז ער איז אזוי הייליג ווי דער באשעפער אליין.

דערמיט האט ער ממליץ געווען אויף די זעלטענע מידת הענווה פונעם רבי'ן דער ברך משה זי"ע וואס טראץ זייענדיג דער רועה אבן ישראל און דער גרויסער מנהיג און איש על העדה וועלכער האט געשאפן תקנות אין די חומת הדת, דעסטוועגן איז קיינמאל לא החזיק טיבותיה לנפשיה, ער האט שטענדיג אלעס אנגעהאנגען אינעם אילן הגדול זיין הייליגער פעטער זי"ע, אז אלעס איז בזכותו און ער איז נאר אַ שומר פקדון.

נאך די שיינע ד"ת פונעם רב שליט"א האט אויפגעטרויטן הרבני הנגיד הנכבד ר' יצחק מייזלעס הי"ו וועלכער האט דערציילט שיינע עובדות פונעם רבי'ן זי"ע, ספעציעל פון ווען דער רבי איז ביי איהם איינגעשטאנען נאך אלס סיגוט'ער רב.

מיט'ן ברכת המזון איז מכובד געווארן ר' יצחק מייזלעס הי"ו.

## הילולא קדישא פון מרן רביה"ק זי"ע אפגעראכטן מיט גרויס געהויבנקייט אין קהלתינו הק' בני ברק

לרגל דעם יומא דהילולא קדישא איז נכדו חביבו הגה"צ דער ראש ישיבה שליט"א געקומען באשיינען די תפילת ליל שבת אינאיינעם מיטן גאנצן ציבור זקנים עם נערים אין ביהמ"ד ויואל משה אין שיכון, וואו ער איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת און פארגעדאוונט מיט גרויס התעוררות.

צווישן מנחה און קבלת שבת האט אויפגעטרויטן האברך החשוב הרה"ג ר' שמעון ראטה שליט"א וועלכער האט מיט ווארימע און ערנסטע ווערטער מעורר געווען דעם ציבור איבער די יומא דהילולא קדישא עת רצון.

פרייטג צונאכט'ס איז געפראוועט געווארן אַ גרויסארטיגע "שבת אחים" אין שטוב פון דער ראש ישיבה שליט"א, מיטן באטייליגונג פון אַ גרויסער ציבור בעה"ב אינגעלייט און די בחורי חמד.

צומארגנ'ס שבת בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען אַ קידושא רבא לרגל די יארצייט אין די ביהמ"ד אין זכרון מאיר געגנט און אין די ביהמ"ד אין שיכון.

שבת נאכמיטאג ארום אַ שעה פאר מנחה איז אַ גרויסע ציבור זיך צונויפגעקומען אין די ביהמ"ד אין

זכרון מאיר צום שיעור פרקי אבות פונעם נכד בעל ההילולא זי"ע הרה"ג ר' יואל מייזליש שליט"א פון ירושלים תובב"א זוהן פונעם ראש ישיבה שליט"א.

מוצאי שב"ק איז אפגעראכטן געווארן סעודת הילולא קדישא אינעם צענטראלן ביהמ"ד הגדול ויואל משה אין שיכון קרית יואל מיטן מאסיווע באטייליגונג פון ראשי עם יחד שבטי ישראל ידידים וחסידים בעה"ב אברכים און בחורי חמד אין שפיץ פון גדולי הרבנים וגאונים שליט"א.

נאך וואס מ'האט זיך געוואשן צום סעודת מצוה וסיום הש"ס האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט דעם הדרן און דערנאך דעם קדיש דרבנן.

דאן האט אנגעהויבן דעם מעמד הרה"ג בנש"ק ר' יקותיאל יצחק בראך שליט"א וועלכער האט מיט זיין פה מפיק מרגליות ענטפאנגען דעם גאנצן ציבור אין שפיץ פון די רבנים הגאונים שליט"א.

דאן האט זיך די ציבור צוגעהערט מיט אַ יראת הכבוד צום דרשה פון דער ראש ישיבה שליט"א וועלכער האט אנגעהויבן מיט פאסיגע דברי תורה אויף די וואכעדיגע פרשה, דאן איז ער אריבער צו רעדן דברי התחזקות לרגל די יארצייט פון קדושת זקינו זי"ע ארומרעדנדיג בגודל קדושתו וצדקתו.

באזונדער האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען דעם ציבור איבער די ענין פון צניעות, וואס ליידער לייגט דער יצה"ר אריין שווערע כוחות צו צוברעכן די גדרי הקדושה.

אין לויף פון די סעודת ההילולא זענען געזעצן די באגאבטע עסקנים פונעם מפעל "שקל הקודש" להחזקת המוסדות הק' און אויפגענומען די נדבות פונעם ציבור לטו"נ רביה"ק בעל ההילולא זי"ע, און דערביי געגעבן די מעגליכקייט פאר'ן ציבור צו שיקן קוויטלעך פאר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צומארגנ'סביים ציון הקודש אין קרית יואל.

מיט רגשי כבוד און הערצה האט די ציבור ענטפאנגען דעם חשוב'ן גאסט-רעדנער הגה"צ רבי דוד דוב דושינסקיא שליט"א חדב"נ כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ורב ביהמ"ד בית פייגא אין קרית יואל יע"א, וועלכער איז אויף די איינלאדענונג פון די הנהלת הקהילה געקומען באשיינען און אויפטרעטן ביי די סעודת הילולא רבא.

דער חשוב'ער גאסט רבי דוד דוב שליט"א האט מיט זיין רייכן כח הדיבור געהאלטן געשפאנט דעם ציבור אריבער אַ שטונדע מיט אַ רייכע דרשה נלהבה, ער האט צום ערשט אנגעהויבן בכבוד האכסניא אין די שבח פון די מוסדות סאטמאר אין בני ברק וועלכע זענען אזוי נאנט צום רבי'נס הארץ.

מיט'ן בענטשן האט דער ראש ישיבה שליט"א מכבד געווען דעם חשוב'ן גאסט רבי דוד דוב שליט"א, און דערנאך איז זיך די ציבור צוגאנגען מיט געהויבענע געמיטער נאכ'ן האבן מיטגעלעבט אזא שיינע און געהויבענע סעודת הילולא קדישא.

***-אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא דמשה רעיא מהימנא-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.